<u>Content</u>
Yael Merlini - poetry
Katerina Kuznetsova - poetry
Iryna Zrobok - Ukrainian translations of Celia Dropkin
Sandra Israel-Niang - German translations of Rayzel Zychlinski, Dvoyre Fogel, Malka Heyfetz-Tusman, Hadasa Rubin und Anna Margolin

Yael Merlini

| | |
|---|---|
| נאַכט, ווּ איז דײַן האַנט?<br>איך זוך זי<br>צווישן די קנייטשן פון דער ערד<br>צווישן די אָטעמס פון דער מורא<br>נאַכט, ווּ איז דיין האַנט? | Night, where is your hand?<br>I seek it<br>Among the wrinkles of the earth<br>Among the breaths of the fear<br>Night, where is your hand? |
| אַ מאָל האָבן מיר געוויינט<br>אַ מאָל האָסטו געלאַכט<br>דער ווינט האָט פֿאַרגלעט<br>די קנייטשן פֿון מײַנע רעיונות<br>אינעם ריח פֿון אַ טרער<br>אָבער דו האָסט מיך קיין מאָל נישט<br>געזען, דו ביסט קיין מאָל נישט<br>געבליבן לעבעדיק מיט מיר<br>נאָר אַ שאָטן<br>אַ צאַרטער<br>ביסטו געווען | Once we cried<br>Once you laughed<br>The wind has ironed<br>The wrinkles of my thoughts<br>In the scent of a tear<br>But you have never<br>Seen me, you never<br>Remained alive beside me<br>Only a shadow<br>A slight shadow<br>You were |
| סטאַנציע<br><br>דאָס לעבן<br>אַ פֿליסנדיקע באַן גליטשעט זיך<br>אין ערגעץ ניט<br>ווי טרערן<br>אָן געלעגערס<br><br>דאַמבעס די סטאַנציעס<br>- וואָס האַלטן דאָס לעבן צוריק<br>מעגלעכקייטן גייען פֿאַרבײַ<br>ווען דו פֿאַרפֿעלסט<br>זיי<br><br>פֿאַרמאַך די אויגן<br>און האָב נישט קיין מורה<br>דו ועסט | Stations<br><br>Life<br>A streaming train flows<br>To nowhere place<br>Like tears<br>Without river-beds<br><br>Dam the stations<br>That hold life back--<br>Opportunities passing by<br>When you don't pay attention<br>On them<br><br>Close your eyes<br>Don't be afraid<br>You'll only |

| | |
|---|---|
| נעלם ווערן נאָר<br>צו זיך אַליין | Disappear<br>To yourself |
| קינדער־יאָרן<br><br>מרחק איז ניט קיין ענין<br>אין די קינדער־יאָרן<br>אָבער ליכט<br>ליכט<br>איז דער גלעט<br>פֿון אַ מלאך וואָס שפּרייט אויס<br>זײַן פֿליגל אין אַן אָטעם<br>דער שושקע<br>פֿונעם וואַלד אין דײַן ביינער<br>די בלויע ליניע<br>אינעם דפֿק<br>דײַנע לונגען | Childhood<br><br>There is no distance<br>In the childhood<br>But light<br>Light<br>Is the caress<br>Of an angel spreading<br>One's wing in a breath<br>The whisper of<br>The forest in your bones<br>The blue line<br>In the pulse<br>Of your lungs |
| יענעם האַרבסט<br><br>יענעם האַרבסט<br>האָסטו געהאַט אַ געלעכטער פֿון ווײַנטרויבן<br>פֿאַרשלייערט אין זויערקייט<br>און אַ שמעק פֿון ערד - פֿון דער<br>- דאָזיקער -<br>וואָס שיכּורט אָן<br><br>יענעם האַרבסט<br>נאַקעט פֿון דײַן אַרומנעם<br>שאָטן<br>צופֿוסנס פֿון דעם ווײַנשטאָק<br>האָסטו פֿאַרלאָזט דײַן געטרײַשאַפֿט<br><br>זינט דעמאָלט איז דער ווײַנגאָרטן<br>נידה<br>אָן אויפֿהער<br><br>דורך דײַן בלוזקע<br>צעכראַסטעט פֿון דעם ווינט<br>דערבליק איך<br>דײַנע ברוסטן<br><br>פֿעלדבלומען | That Autumn<br><br>That autumn<br>You had a laugh of grapes<br>Veiled in sourness<br>And a smell of earth<br>- Of this one -<br>Which inebriates<br><br>That autumn<br>Naked of your shadow<br>Embrace<br>At the foot of the vine<br>You left your loyalty<br><br>Since then the vineyard<br>Is niddah<br>Without respite<br><br>Through your blouse<br>Half-open by the wind<br>I glimpse your<br>Breasts<br><br>Wildflowers |

| | |
|---|---|
| דײַנע אָפּלען<br>געשוואָלענע<br>צום בליק<br>וואָס כאַפּט זיי | Your nipples<br>Turgid<br>To the gaze<br>That catches them |
| בײַ טאָג<br><br>בײַ טאָג<br>ביסטו געזעסן<br>אינעם שאָטן<br>פֿון אַ ווײַסן ווײַן<br>פֿורעמדיק דײַנע ליפּן<br>אינעם באָקאַל<br>בשעת דער שניט<br>האָט זיך אויסגעגליטשט<br>אויף דיין פֿוס<br><br>דו האָסט געזופּט<br>דײַן לעבן אַזוי<br>צווישן אַ גלעזל<br>— און א בליק<br><br>בײַנאַכט האָט דער שניט<br>דורכגעדרונגען<br>צווישן די פֿיס<br>פֿון אַנדערע | By Day<br><br>By day<br>You were sitting<br>In the shade<br>Of a white wine<br>Shaping your lips<br>In the goblet<br>While the slit<br>Was sliding<br>On your leg<br><br>You were sipping<br>Your life so<br>Between a glass<br>And a glance-<br><br>At night the slit<br>Penetrated<br>Between legs<br>Of others |
| די שטילקייט פארבלענדט דיך<br><br>די שטילקייט פארבלענדט דיך<br>אין צווישנשפּראַכיקע  גאַסן<br><br>אין די בורשטינען שטרײַפֿן<br>פון קאַץ אויגן<br>דו שפּיגלסט זיך אָפּ<br>ווען דו פֿאַרקניפּסט<br><br>מיט אָפּגעשניטענע הענט<br>די צווייגן גורלות<br>קערב<br>אָן אַ צוקונפֿט<br><br>און דו הערסט דעם געקנאַל | The Stillness Blinds You<br><br>The stillness blinds you<br>Along multilingual streets<br><br>In the amber stripes<br>Of cat eyes<br>You reflect yourself<br><br><br>When with severed hands<br>You knot the branches-destiny<br>Baskets<br>Without a future<br><br>And you hear the rumble |

<table>
<tr><td dir="rtl">פון דײַן מורא פֿליסנדיק<br>דורך דײַנע אָדערן</td><td colspan="2">Of your fear flowing<br>Through your veins</td></tr>
<tr><td dir="rtl">אַ שמאַטענע ליאַלקע<br><br>איך נעם פֿעסט<br>אין די הענט<br>אַ שמאַטענע<br>ליאַלקע<br>מיט די שוואַרצע<br>אויגן און אָן<br>קיין מויל, מײַן<br>שמאַטענע ליאַלקע<br><br>איך נעם פֿעסט<br>אין די הענט<br>מײַנע טעג<br>אַ וואַזע פֿול<br>מיט נאָטיצן<br>כּדי די שעהען<br>באַגנבֿענען מיך<br>נישט</td><td colspan="2">A Rag Doll<br><br>In my arms<br>I hold tightly<br>A rag<br>Doll<br>With black<br>Eyes and without<br>A mouth, my<br>Rag doll.<br><br>In my arms<br>I hold tight<br>My days<br>A vase full of<br>Notes<br>That time<br>Does not<br>Take them away.</td></tr>
<tr><td dir="rtl">וויינענדיקע גאַסן<br><br>אויף די וויינענדיקע גאַסן<br>אויף די מילכיקע וועגן<br>וועט איר געפֿינען<br>דאָס קליינע זעמדל<br><br>איידלשטיין<br>הימלישער שטיין<br>וואָס איר באַהאַלט<br>אין די קעשענעס<br>אײַערע מחשבֿות<br>אין דעם גלאָז וואָס צעשנײַדט<br>די פּנימער, אין דעם שפּיגל<br>וואָס שפּיגלט אונדז ניט אָפּ<br><br>דאָרטן איז דאָס קרישקעלע<br>דאָרטן איז דאָס זעמדל<br>דער אָנהייב</td><td>Weeping roads<br><br>On the weeping roads<br>On the milky paths<br>You will find the small<br>Grain of sand<br><br>Precious stone<br>Heavenly stone<br>Hidden in the pockets<br>Of your thoughts<br><br>In the glass that slices<br>The faces, in the mirror<br>That does not reflect us<br><br>There is the pebble<br>There is the grain of sand<br>The beginning</td><td>Sulle strade che piangono<br><br>Sulle strade che piangono<br>Sui sentieri lattiginosi<br>Troverete il piccolo<br>Granello di sabbia<br><br>Pietra preziosa<br>pietra celeste<br>nascosta nelle tasche<br>dei vostri pensieri<br><br>Nel vetro che taglia<br>I volti nello</td></tr>
</table>

| | | |
|---|---|---|
| | | specchio<br>che non vi riflette<br><br>Li è il sassolino<br>Li è il granello di sabbia<br>L'inizio |
| אונדזער בריוו<br><br>מיט הענט<br>פֿאַרשלייערט מיט גלעטן און<br>ווינטיקע לאָקן<br>געטרויען מיר דיר אָן<br>אונדזער בריוו<br><br>אין די שוואָמיקע ביינער דײַנע<br>- וועסטו האַלטן אונדזערע סודות<br><br>פֿעדעם פֿון שפּיצן<br>די מעשׂיות אײַנגעוועבטע<br>אין אַ לאַבירינט<br>פֿון אָטעמען | Our letters<br><br>With hands<br>Veiled of caresses and locks<br>Of wind<br>We entrust<br>Our letters<br><br>In the porous fabric of your bones<br>You shall keep our secrets-<br><br>Threads of lace<br>The stories woven<br>In a labyrinth<br>Of breaths | <br><br>con mani velate<br>di carezze e ciocche<br>di vento<br>ti affidiamo le nostre lettere<br><br>nel tessuto poroso delle tue ossa<br>custodirai i nostri segreti-<br><br>fili di trina<br>le storie tessute<br>in un labirinto<br>di respiri |

Katerina Kuznetsova

| | |
|---|---|
| איך בין אַ ליגן.<br>נישט קיין וואָרט פֿון אמת<br>נישט קיין אות.<br>איך בין אַ שאָטן<br>וואָס בײַט זײַן לענג און פֿאָרם<br>אָפּהענגיק<br>פֿון דער זון און וואָלקנס.<br>קוועקזילבער בין איך<br>צעלויף זיך אויף דער וועלט<br>גיי זיך צונויף פֿון ס'נײַ.<br>איך האָב אַ הונדערט פּנימער<br>און קולות.<br>איך קען זײַן אַלץ | I'm a lie.<br>Not a word of truth<br>Not a letter.<br>I am a shadow<br>that changes its length and shape<br>dependent<br>on the sun and clouds.<br>I am mercury<br>I scatter myself around the world<br>and get together from anew.<br>I have a hundred faces<br>and voices.<br>I can be anything |

| | |
|---|---|
| ווען באמת בין איך גאָרנישט.<br>מע קען מיך נישט אָנכאַפּן<br>ווײַל איך אַליין ווייס נישט<br>ווער איך בין הײַנט<br>און ווער איך וועל זײַן מאָרגן.<br>נאָר צערינענדיק לעב איך,<br>קען איבערלעבן. | While truly I am nothing.<br>Noone can catch me<br>Because I don't know myself<br>Who am I today<br>And who will I be tomorrow.<br>I live only fleeing,<br>Can survive. |
| אַן עראָטיש ליד מיטן אינדוסטריעלן טעם<br><br>מיר ליגן צוזאַמען<br>איבערגעפֿלאָכטענע<br>אונדזערע לײַבער<br>צוויי צאַנעקנס גאָלד<br>אין אַ שמעלץ-אויוון<br>עס ווערט זיך הייס<br>מיר ווערן ווײַך<br>מיר ווערן איינס<br>צונויפֿגעשמאָלצענע<br>צנויפֿגעגאָסענע<br>עס איז נישטאָ קיין גרענעץ<br>צווישן אונדזערע גילדענע לײַבער.<br><br>און דערנאָך<br>פֿאַרגליווערטע<br>האַרטע<br>מעטאַלענע<br>גייען מיר ווײַטער. | An Erotic Poem with an Industrial Flavour<br><br>We are laying together<br>Intertwined<br>Our bodies<br>Two gold bars<br>In a smelting furnace<br>It's getting hot<br>We are getting soft<br>We are becoming one<br>Melted together<br>Fused together<br>There is no border<br>Between our golden bodies.<br><br>And then<br>Solidified<br>Hard<br>Metal<br>We are walking away. |
| פֿולע לבֿנה<br><br>עס הענגט אינעם הימל<br>די פֿוילע לבֿנה.<br>זי רײַפֿט,<br>ווערט אַנטבלויזט<br>עפֿנט זיך<br>ווי די ריזיקסטע רויז<br>וואָס שיכּורט דעם גאָרטן<br>מיט ריח־ניחוח.<br>די פֿוילע לבֿנה<br>פֿילט זיך איבער מיט כּוח,<br>גיסט זיך איבער<br>מיט תּאווה, מיט חשק<br>וואָס רינען אַראָפּ<br>אויף דער ערד,<br>אינעם ים,<br>און אַלץ ווערט געפֿילט<br>מיטן צערטלעכן סם.<br>און אָט קומט די נאַכט | The Full Moon<br><br>The lazy Moon<br>Hangs in the sky.<br>She ripens,<br>Becomes exposed<br>She opens herself<br>Like a huge rose<br>That makes the garden drunk<br>With a pleasant smell.<br>The lazy Moon<br>Overfills itself with energy,<br>She is full<br>Of lust, of desire<br>That stream down<br>On the earth,<br>In the sea,<br>And everything fills<br>With gentle poison.<br>And here comes the night |

| | |
|---|---|
| ווען די פֿוילע לבֿנה איז פֿול.<br><br>די פֿולע לבֿנה איז אַ שטיקל ראַהאַט־לוקום<br>צווישן די ציין<br>פֿון אַ נאַקעטער טענצערין<br>וואָס ליגט אין בעט<br>מיט איר געליבטער<br>זומער־נאַכט,<br>און טראָפּנס שווייס<br>אויף זייערע לײַבער<br>זענען די קלייניטשקע פּערל. | When the lazy Moon is full.<br><br>The full Moon is a piece of a Turkish delight<br>Between the teeth<br>Of a naked dancer<br>That is laying in bed<br>With her lover<br>On a summer night,<br>And drops of sweat<br>On their bodies<br>Are little pearls. |
| מולד־נאַכט<br><br>דער הימל איז דער טויטן־בעט.<br>שווײַגט די נאַקעטע פּוסטקײַט<br>לבֿנהלאָזלעך.<br>שטילע שוואַרצקייט צווישן שטערן<br>שלאָפֿט גלײַכגילטיק<br>רויִק<br>ווי די אָזערע אין וועלכער<br>גאָרנישט שפּיגלט זיך נישט אָפּ.<br><br>דער הימל איז דער קימפּעט־בעט.<br>שרײַט דער שטומער שטערנקרײַז<br>פֿון ווייטיק און פֿרייד<br>און האָפֿנונג.<br><br>די לבֿנה טראָגט אין זיך<br>זיך אַליין.<br>איר אייגענע מאַמע,<br>איר אייגענע טאָכטער.<br>זי ווערט געבוירן<br>און געבוירט<br>אין נאָך איין ציקל,<br>אין נאָך איין חודש<br>אין אייביקער שלווה. | The New Moon<br><br>The sky is the deathbed.<br>The bare emptiness is silent<br>moonless.<br>Quiet blackness between stars<br>Sleeps indifferently<br>Calmly<br>Like a lake, in which<br>Nothing is reflected.<br><br>The sky is the birthing bed.<br>Screams the mute constellation<br>From pain and joy<br>And hope.<br><br>The Moon carries in her<br>Herself.<br>Her own mother,<br>Her own daughter.<br>She is being born<br>And is giving birth<br>In another cycle,<br>In another month<br>In eternal harmony. |
| דער פֿרילינג קומט,<br>דו הערסט זײַן לינדן טראָט.<br>ער שעפּטשעט:<br>לויף אַוועק פֿון שטאָט<br>לויף הפֿקר ערגעצווו<br>דען שטעל זיך אָפּ<br>און גיב זיך דעם אָפּרו<br>און קוק<br>ווי שוואַרץ און ברוין און גראָ<br>רײַסט אויף<br>מיט לילאַ, גרין, און בלאָ.<br>אָט איז די פּלא, זעסטו? | The spring is coming,<br>You hear its gentle step.<br>It whispers:<br>Run away from the city<br>Run somewhere<br>Then stop<br>And give yourself the rest<br>And look<br>Like black and brown and green<br>Burst up<br>With purple, green, and blue.<br>Here is the miracle, see? |

| | |
|---|---|
| פֿון גאָרנישט ווערט אַ גראָז, אַ בלאַט, אַ בלום,<br>און חשוך פּלוצעם בליט<br>און אײַנזאַמקייט ווערט ליבע<br>און פֿרייד קומט פֿון אַ טריבע<br>און שטומקייט ווערט אַ ליד. | From nothing a grass, a leaf, a flower becomes,<br>And darkness suddenly blooms<br>And loneliness becomes love<br>And joy comes from a sorrow<br>And silence becomes a song. |
| פֿרילינגס־טאַנץ<br><br>מײַנע שוועסטער, מכשפֿות,<br>פֿליט אַהין!<br>לאָמיר צינדן אָן די שריפֿות,<br>ברענגט זשע קין.<br><br>פֿון דעם פֿײַער וועלן טײַען<br>שניי און אײַז.<br>לאָמיר טאַנצן, זינגען, שרײַען<br>אין אַ קרײַז.<br><br>מײַנע שוועסטער, זאָגט די שפּראָכן<br>אין אומשלאָף.<br>ווינטער־פֿלוך מוז זײַן צעבראָכן<br>סוף־כּל־סוף.<br><br>איצט באַכּישופֿן מיר אַלע,<br>טרײַבן קעלט<br>אונדזער צויבער וועט באַנײַען<br>ווײַסע וועלט.<br><br>וועלט באַנײַען און באַנייען<br>בלומען-קלייד<br>ווען די ערד געבוירט אין ווייען<br>פֿרילינגס־פֿרייד. | The Spring Dance<br><br>My sisters, witches,<br>Fly here!<br>Let's light the fires,<br>Bring the kindling.<br><br>This fire will melt<br>Snow and ice.<br>Let's dance, sing, shout<br>in a circle.<br><br>My sisters, say the spells<br>In insomnia.<br>Winter curse must be broken<br>Finally.<br><br>Now we all are enchanting,<br>Drive the cold away<br>Our magic will renew<br>The white world.<br><br>World renew and sew<br>The flower dress<br>When the earth is giving birth in pain<br>To the spring joy. |
| צירצע<br><br>די אויסגעמוטשעטע געטין<br>זיצט בײַ דעם פֿײַער<br>זי לייענט אַ בריוו<br>פֿון איטאַקע.<br>ער האָט זי נישט מער ליב.<br>דאָס קינד שרײַט אינעם שלאָפֿצימער.<br>געטינס דאַרפֿן נישט קיין שלאָף | Circe<br><br>The exhausted goddess<br>Sits by the fire<br>She is reading a letter<br>From Ithaca.<br>He doesn’t love her anymore.<br>The child cries in the bedroom.<br>Goddesses don’t need to sleep |

| | |
|---|---|
| .געוויינטלעך | Normally. |
| .אָבער איצט וויל איר זיך שלאָפֿן | But now she wants to sleep. |
| ?און דען וואָס | And what then? |
| ?זאָל זי אים פֿאַרשעלטן | Should she curse him? |
| ?זאָל זי די גאַנצע וועלט פֿאַרשעלטן | Should she curse the whole world? |
| ?די גאַנצע וועלט פֿאַרברענען | Burn the whole world? |
| ?די גאַנצע וועלט צעשטערן | Destroy the whole world? |
| ,זי איז מיד | She is tired, |
| זי האָט נישט קיין כּוח חרובֿ מאַכן די וועלט | She doesn't have the strength to destroy the |
| .אָדער אפֿילו איין קלײנטשיקן אינדזל | world, or even a tiny little island. |
| זי האָט נישט קיין מאַכט | She doesn't have power |
| .און נישט קיין פֿײַלן | And arrows. |
| זי הייבט זיך אויף סוף־כּל־סוף | Finally, she gets up |
| .און נעמט דאָס קינד אַרום | And hugs the child. |
| זי זינגט | She is singing |
| און דערמאָנט זיך | And remembers |
| .אַז זי איז אומשטערבלעך | That she is immortal. |

Iryna Zrobok

Yiddish originals:
https://www.yiddishbookcenter.org/collections/yiddish-books/spb-nybc200426/dropkin-celia-in-heysn-vint-lider

1

**mayn mame (z.48)**

Моя мама

Моя мама,
двадцятидвохлітня,
залишилася вдовою з двома меленькими дітками.
Побожно вирішила
більше нікому не бути жінкою.
Тихо тягнулися її дні і роки,
освітлені мовби скупим каганцем світла.
Моя мама нікому більше не стала жінкою.
Всі багатоденні, багаторічні, багатонічні жалі
її молодої істоти, повної любові,
її жагливої крові –
я все взяла до дитячого серця.

в себе ввібрала глибоко,
і притишена, кипуча туга моєї матері, як підзмна вода
в мені розлилася широко.
Тепер часто б’є з мене
полум’яна мами моєї свята,
глибоко бережена пристрасть.

2

**a kush (z. 47)**

Поцілунок *для Урі Нісіма Гнесіна*

Я з квітами спокійно його зустріну,
коли він до міста до мене приїде,
і спокій лице моє огортатиме,
коли я квітами його вітатиму.
Тільки коли він піде до нічного спочинку,
зі мною в одному будинку –
проберуся тихо до його ліжка,
тихенько вночі, ніби мишка,
і чи буде він добрими снами вколиханий,
а чи буде важким сном прибитий –
він мій, отак, як лежить.
Відгортаю покров, цілую груди, жадібно п’ю його кров.
І від того нараз так легко, так добре стане,
бо яка ж вона його спрагла –
моя хвора, самотня любов.

3

**mayn gast (z. 30)**

Гостю

Ласкаво прошу, гостю, ласкаво прошу,
обтруси від життя свою ношу,
роздягайся, забувай свої болі
у моєму світлому домі.
Мий собі руки і ноги,
сідай за стіл зі мною,
і в мене на грудях, на грудях
голод і спрагу втамовуй…

4

**di tsirkus dame (z.49)**

Я є у цирку дама,
танцюю між кинжалами –
розставлені ареною
вістрями наверх.
Гнучке легеньке тіло
торка їх гостроту ледь-ледь –
оминає смерть.

Затамувавши подих,
спостерігають танець,
за мене, певно, бога молить якийсь друг.
Мені кинжалів глянець
перед очима в круг –
ніхто не знає, як же хочеться упасти.

Бо я втомилась танцювати між вами,
холодні сталеві кинжали.
Я хочу вас кров'ю зігріти,
на ваші оголені піки
я хочу упасти.

5

**midkayt (z.12)**

Втома

Все завмерле, все потомлене,
сонце йде спочивати тихо, тихими кроками.
сонце втомлене, хворе, сьогодні так само
сонце сьогодні журно безплотне.

Хмари жевріють м'які, покволисті,
засинають у висі тихо-слабо,
міч йде до землі також втомлена,
холодніше й темніше стало.

Sandra Israel-Niang
https://niangara.de

**Wasser ohne Sprache** - Malka Heyfetz Tussman

Das Meer
riss sich eine

Rippe aus seiner Seite
und sprach:
Geh,
leg dich dort hin,
Sei ein Symbol dafür, wie groß ich
bin,
ich bin mächtig,
geh,
sei ein Symbol

So liegt der Kanal an meinem Fenster
stumm

Was kann noch trauriger sein
als Wasser
ohne Sprache

Malka Heifetz-Tussman: shotns fun gedenken, Tel-Aviv. 1965

**Liebeslied** ליבעליד - Dvoyre Fogel

Du bist leise und langsam
wie ein sehr langes Floß
das duftende Tannen führt
von einem Berg mit blauen Nebeln
in eine ferne Stadt mit Laternen.

Durch Tage mit gelben Sonnen
Durch Tage mit grauen Himmeln

Du bist traurig wie ein Floß
still und traurig wie das Glück

Mit dir werden Jahre vergehen
Wer gedenkt der verlorenen Jahre

Dvoyre Fogel: *Manekinen*, Varshe Lemberg. 1934 (S. 40)

**Falls Du…** - Hadasa Rubin

Falls Du eine weitere Runzel auf meiner Stirn sein willst,
ein Schatten geworfen auf düstere Stunden -
Geh! Rechne nicht aus, wem es schwerer ergehen wird
und zähle nicht nach, wessen Haar grauer ist.

Gestreng hat das Leben mir Falten gezeichnet,
Milde erfuhr ich nicht einmal im Traum -
von dir nehme ich keine Beleidigung mehr an,
und verweigere Härte in jeglicher Form.

Geh. Ich werde dir nachsehen - vielleicht sogar Jahre,
doch du wirst mein Rufen nicht hören.
Ist es mir gelungen, etwas Glück anzusparen,
wirst Du meine Tränen nicht sehen.

1944

Hadasa Rubin: Trit in der nakht, Varshe. 1957 (S. 18)

**Es zittert das Meer** - Rayzel Zychlinski

Es zittert das Meer
auf meiner Braue;
bring mich nach Haus,
nach Haus.
Nimm mich in deine Träne auf,
in eine Strophe deines Lieds -
nimm mich mit!

Rayzel Zychlinsky: Shvaygendike tirn, New York. 1962 (S.7)

**Mein Zuhause** - Anna Margolin

Häuser wiegen sich und schweben leuchtend-grau
mit feuchten Gärten, silberhellen Straßen,
und Menschen auf den Treppenstufen
beugen sich, lächeln, verblassen,
werden und vergehen
durch einen Tränen-Regenbogen.

Ein Kind sitzt am Fenster.
Im Mondschein strömen die Haare wie dunkeler Regen.
Ausdauernd und leuchtend suchen die Augen
wie durch einen Wald
die eigene ferne Gestalt.
Oh, was zitterst du, Kind,
wenn ich geh dir entgegen?

מײַן היים Anna Margolin, in: Lider, New York. 1929 (S. 14)

**Meine Vaterländer** - Kadya Molodowsky

Meine Vaterländer,
wer kann euch zählen und ermessen?
Nur zittrige Fuße spüren die vor ihnen liegenden
endlos wartenden Strecken.

Warten,
wie auf der Lauer ein Löwe,
warten -
geduldig und sicher,
darauf, dass Füße in Trauer erscheinen
Füße,
die auf ewig schuldig bleiben.

Feuer-
warten, dass wir uns ihnen nähern,
im Feuer hat Gott sich uns offenbart.
Meere-
warten, dass wir in ihnen versinken,
einmal haben wir bereits das Meer geteilt.

Meine Vaterländer,
kalte, heiße, sonnige, trübe,
ich sage euch zu das Pflügen und Säen und Singen,
aber Liebe versprechen kann ich Euch nicht.

Sehr verliebt bin ich in ein Kirschenbäumchen,
das blühte an einem scheinbar hellen Tag,
in einem weißen Kleid ging ich umher
mit einem Kranz aus gläsernen Korallen.

Meine Vaterländer,
heiße, kalte, sonnige, trübe,
lass uns sprechen über Gott und Wasser und Brot,
jedoch nicht mehr über Liebe.

פֿאָטערלענדער מײַנע, Kadya Molodowsky. 1953